דובֿ־בער קערלער

# פֿאָלקסמענטשן זינגען אויס זייער צער און בענקשאַפֿט אין הײַנטצײַטיקער אוקראַינע

ס'איז גוט באַקאַנט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד איז אַ גוואַלדיקער קולטור־אוצר, אַ פּועל־יוצא פֿונעם שעפֿערישן גײַסט סײַ פֿון כּלל און סײַ פֿון יחידים. ניט זעלטן באַטאָנט מען, אַז די יידישע זינגלידער, וואָס פֿלעגן זײַן אַזוי באַליבט אין פֿאָלק, שפּיגלען, שיער ניט געווי, אָפּ דאָס יידישע לעבן גופֿא: די לײַדן און פֿרײַדן, די טאָג־טעגלעכקייט און די פֿאַרשידענע היסטאָרישע תּקופֿות אינעם לעבן פֿונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. געבן אַ דעפֿיניציע פֿון אַ פֿאָלקסליד איז כּלומרשט ניט אַזוי שווער, דער מינימאַלסטער באַדינג: אַ ליד וואָס ווערט געזונגען בײַם פֿאָלק, נאָר דער מחבר פֿונעם ליד איז אומבאַקאַנט. דאָס איז אַ בולטער קאָנטראַסט צו פּאָעזיע אַשטייגער. פּאָעזיע איז אינדיווידועל (אַפֿילו ווען מע מאַכט פֿון איר אַ זינגליד), עס מוז תּמיד זײַן אַ פּאָעט, אַפֿילו דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט מוז זײַן אָנזעעוודיק, בשעת ווען דער מחבר פֿון אַ פֿאָלקסליד בלײַבט פּרינציפּיעל אומבאַקאַנט, אַנאָנים.

אָבער הלכה־למעשה האָט דאָס פֿאָלק אויך שטאַרק ליב אי טעאַטער־לידער, אי פֿאַרשידענע לידער פֿון באַקאַנטע בדחנים אָדער פּאָעטן, וואָס ניט זעלטן ווערן זייערע ווערק פֿאָלקלאָריזירט. צו־מאָל אויף אַזוי פֿיל, אַז עס איז קוים צו דערקענען דעם אָריגינאַל און דעם מחברס נאָמען ווערט גאַנץ אָפּט פֿאַרגעסן. אַחוץ דעם, האָבן אַ ריי שפּעטערע, ווייניקער "פּוריסטישע" זאַמלער און צונויפֿשטעלער פֿון "פֿאָלקסלידער"־זאַמלונגען געגומען אַרײַנשליסן אויך די שטאַרק פּאָפּולערע לידער פֿון באַקאַנטע פּאָעטן און מחברים. דערצו, ס'איז פֿאַראַן נאָך אַ קאַטעגאָריע פֿון לידער, וואָס "דאָס פֿאָלק" שאַפֿט בכדי אָפּשצופּיגלען און אויסצודריקן די אַקטועלעווירקלעכקייט און די געפֿילן, וועלכע זי וועקט אויף, אין דעם באַשטימטן היסטאָרישן פּעריאָד און אין דעם ווירקלעכן געאָגראַפֿישן, אָדער געאָפּאָליטישן קאָנטעקסט. ווער איז אין דעם פֿאַל "דאָס פֿאָלק" איז גאָרניט אַזוי גרינג פֿעסטצושטעלן. ניט ווייניק נעמען פון די מחברים פֿון די פֿיל נײַע לידער, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן בעת די שוידערלעכע חורבן־יאָרן, זענען דווקא באַקאַנט. נאָר אין פֿיל פֿאַלן ווייסט מען ניט מער ווי די נעמען זייערע.



**טאָמאַשפּאָל, זומער 2010, צוזאַמען מיט אַ פּאָר גראַדויִר סטודענטן און מיט אַבֿרהם פֿוטיראַן דעם היטל־מאַגער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין 1925 און לעבט ביז הײַנט אין זײַן היימשטעטל.**
**(פֿאָטאָ: מאַרגאָ ווײַעס)**

עס וועט מסתמא ניט זייַן קיין גוזמא צו טענהן, אַז אין פֿאָלק זענען דאָ (אָדער געווען?) אַ גאַנץ לייַטישע צאָל גראָטענע, ניט־פּראָפֿעסיאָנעלע זינגער, מיטזינגער און נאָכזינגער. איציק גאָטעסמאַן האָט אין די לעצטע יאָרן זייער אַ סך אויפֿגעטאָן אין תחום פֿון פֿאָרשן דעם טיפּ "פֿאָלקסזינגער" אי וואָס שייך זייַן רעפּערטואַר, אי וואָס שייך דעם אופֿן פֿון אויספֿירן די לידער. עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז פֿון אָט דעם מין אויספֿירער, פֿאַרשפּרייטער און אויפֿהיטער פֿונעם יידישן זינגליד האָבן זיך אויך באַוויזן זייַנע אייגענע וואַריאַציעס אויף עלטערע לידער, און לפּחות אַ געוויסער טייל פֿון אַזוינע וואַריאַציעס איז ווייַטער שוין מגולגל געוואָרן אין נייַע און אין אַ געוויסער מאָס אַפֿילו אָריגינעלע לידער.

זינגלידער ובפֿרט די אַזוי־גערופֿענע פֿאָלקסלידער קאָן מען ניט ווי געהעריק אָפּשאַצן בלויז אויפֿן סמך פֿון זייער טעקסט. ערשטנס, די פּראָזאָדיע פֿון אַ זינגליד אָפֿט שיידט זיך שטאַרק אונטער פֿון דער מעטריש־ריטמישער סטרוקטור פֿון דער נייַער יִדישער פּאָעזיע – ואין דין קריאה כּדין שירה. צווייטנס, עס מאַכט זיך, אַז דער בלויזער טעקסט פֿון אַ בפֿירוש גראָטן זינגליד קומט אַרויס גאַנץ פֿלאַך אויב מע זינגט עס ניט אויס, פּראָסט־און־פּשוט ווייַל מע הערט עס ניט כּדבעי.

דאָ וועלן אָבער אַרומגערעדט ווערן בלויז די טעקסטן פֿון אַ ריי לידער, וועלכע מען האָט פּראָפֿעסיאָנעל אויפֿגענומען אויף ווידעאָ און זיי וועלן אַלע, מיר האָפֿן בקרובֿ, ווערן צוטריטלעך אויף אַ די.ווי.די.־קאָמפּאַקטל און אויף דעם אינטערנעט. די דאָזיקע לידער זענען בלויז אַ קלענער טייל פֿון די, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין גאַנג פֿון דער זאַמל־אַרבעט פֿון דעם יִדישן עטנאָגראַפֿישן פּראָיעקט בייַם אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט אין די יאָרן 2002-2013. דער פּראָיעקט גופֿא הייסט "אַהיים", און אָט־דער קורצער נאָמען זייַנער שטעלט מיט זיך פֿאָר די ראשי־תּיבֿות פֿון דעם פֿולן נאָמען אויף ענגליש: Archives of Historical & Ethnographic Yiddish Memories.

די לידער, וואָס ווערן דאָ אוסגעטיילט און באַהאַנדלט, זענען לעבעדיקע שפּורן פֿון דעם שעפֿערישן פּראָצעס בייַ די אַמאָליקע זינגער, ליבהאָבער און קענער פֿונעם יִדישן פֿאָלקסליד און פֿאָלקסגעזאַנג. די דאָזיקע שוין ליידער גאָר זעלטענע און אומפֿאַרמיטלטע שפּורן האָבן מיר אַדאַנק די געבוירענע יידיש־קענער פֿונעם עלטערן דור, אויפֿגעכאָוועטע אין דער פֿאַרמלחמהדיקער מזרח־אייראָפּע, וועלכע דערטראָגן צו אונדז זייער גירסא דינקותא, זייערע זכרונות און לעבנסגעשיכטעס. וועלן מיר דעריבער ווייַטער זיך קאָנצענטרירן אויף יעדערן פֿון זיי באַזונדער.

## יצחק ניבולסקי – קינדער־יאָרן אַ ליד פֿון פּולען

מיט יצחק ניבולסקי האָבן מיר זיך באַקענט שוין עטוואָס שפּעטער. אונדזער עטנאָגראַפֿישער פּראָיעקט, האָט גאָרניט ווייניק אָפּגעאַרבעט אין זשיטאָמיר אין 2002, 2003 און 2007. אָבער ערשט אין 2008 האָט אונדז סוף־כּל־סוף אָפּגעגליקט זיך צו באַקענען מיט אים און מיט זייַן פֿרוי, אידאַ. אין גאַנג פֿון 18 עקספּעדיציעס אין די לעצטע 11 יאָר איז אונדז אויסגעקומען צו טרעפֿן און אויספֿרעגן קרוב צו 400 מענטשן אין אַ הונדערט שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע (און אַ ריי שכנותדיקע לענדער אויף דרום־מערבֿ). מיר איז שווער זיי צו באַצייכענען מיטן סקאַרבאָוון נאָמען "אינפֿאָרמאַנטן" (אָדער נאָך ערגער: "מענטשלעכע סוביעקטן" רחמנא־לצלן). יעדערער איז אַ מענטש פֿאַר זיך, מיט אַן אייגענער, אָפֿט אַ פֿיל געפּלאָגטער לעבנסגעשיכטע, מיט אַן אייגן אָפֿט שטאַרק אויסדריקלעך געשטאַלט, אַן אייגן גייסטיק קלסתּר־פּנים. כּמעט אַלע האָבן אונדז אויפֿגענומען ביז גאָר וואַרעם, גלייַך ווי עס וואָלטן צו זיי געקומען זייערע אייגענע אויפֿסניי אַנטדעקטע קרובֿים. ס'רובֿ האָבן גלייך געמאַכט אַ טיפֿן רושם אי מיט זייער פּערזענלעכקייט, אי מיט זייערע זכרונות. פֿיל האָבן זיך טאַקע אַנטפּלעקט ווי אויסער־ווי־געוויינטלעכע קענער פֿונעם אַמאָליקן יִדישן שטייגער, ווי לעבעדיקע עדות פֿון דעם פֿיל געפּלאָגטן יִדישן גורל אין מזרח־אייראָפּע. צווישן זיי האָבן זיך אויך אָפּגעזוכט אַ צענדליק - צוויי – אַזעלכע וואָס זיי זענען למעשה אַליין לעבעדיקע קולטור־אוצרות. און ניט נאָר צוליב דער "אינפֿאָרמאַציע", מיט וועלכער זיי האָבן זיך מיט אונדז ברייטהאַרציק געטיילט, נייַערט אויך מחמת דעם פֿאַרנעם

אירן און דעם אופֿן אויף וועלכן זיי האָבן דאָס אַלץ אַזוי לעבהאַפֿטיק פֿאַרגעדענקט און אַזוי לעבעדיק אונדז איבערגעגעבן. בלי שום ספֿק געהער יצחק ניבולסקי צו אָט־דער "העכסטער", אויסגעקליבענער גרופּע.

יצחק איז געבוירן געוואָרן אין 1926 אינעם שטעטל פּולען (אויך אַרויסגערעדט: פּולן; הײַנט אין דער זשיטאָמירער אָבלאַסט) ווו ער האָט געלעבט פֿאַר דער מלחמה. אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן האָט ער פֿאַרגעדענקט אַ שלל מיט מעשיות פֿון פּולען, צווישן זיי איבער 20 מעשיות וועגן רבאִים (רביייִם) און אויך עטלעכע וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. מיט די מעשיות וועגן דעם בעל שם טובֿ, ר' ברוך פֿון מעזשיביזש, דעם מאַקאַראַווער רבין און אַנדערע האָט ער זיך אָנגעהערט פֿון זיין טאַטן יעקבֿ און פֿונעם זיידן אַבֿרהם, וועלכע האָבן אים זיי איבערדערציילט אַזוי ווי עס האָבן זיי דערציילט נאָך אין די פֿאַרסאָוועטישע צײַטן די אורחים, וועלכע פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אויף די "אַוורומאַלקעס" (אַזוי האָבן געהייסן די מלווה־מלכּה'ס, וואָס דער זיידע אבֿרהם פֿלעג פֿריִער אײַנאָרדענען בײַ זיך אין שטוב). אָט־די מעשיות זענען אַ זעלטענער אוצר, ווײַל יצחק ניבולסקי האָט זיי בפֿירוש געהערט און פֿאַרגעדענקט בעל־פּה אָנהייב 1930ער און אויפֿגעהיט זיי פֿאַר אונדז מער־ווייניקער אַזוי ווי דאָס פֿאָלק פֿלעג זיי דערציילן פֿאַרצײַטנס. אויף ייִדיש האָט ער זיי ניט געקענט לייענען ערגעצווּ שפּעטער שוין פֿאַרדערפֿאַר וואָס ער האָט – צו זײַן פֿאַרדראָס און צו אונדזער מזל – ניט באַוויזן צו ווערן עבֿרידיק.



יצחק און אידאַ ניבולסקי בײַ זיך אינדערהיים, זשיטאָמיר, יאַנואַר 2009

אָבער ניט וועגן דעם וואונדער־אוצר פֿון זײַנע מעשיות רעדט זיך אַצינד. דערציילנדיק וועגן זײַן שטעטל, האָט יצחק אויך דערמאָנט פֿאַרשידענע אַמאָליקע לידער און כאָטש ער קאָן גאַנץ נישקשה זינגען, האָט ער פֿאַרגעדענקט אָן אַן ערך מער גאַנצענע מעשיות ווי שורות פֿון די פֿאַרשידענע לידער. אַז מיר זענען צו אים געקומען צום צווייטן מאָל, ווינטער 2009, האָט ער אונדז געוויזן שטיקלעך פּאַפּיר אויף וועלכע ער האָט געפּרוּווט פֿאַרשרײַבן און אַזוי־אַרום אויפֿפֿרישן אין זכרון עטלעכע לידער. פֿאַרשריבן האָט ער זיי בלית־ברירה מיט קירילישע אותיות. איינס פֿון זיי איז, ווײַזט אויס, אַ "פּולענער" וואַריאַציע אויף געבירטיגס גוט באַקאַנט ליד "קינדער־יאָרן". יצחק האָט זיך אויך דערמאָנט אינעם נאָמען פֿון איינעם אַ בן־עיר וואָס פֿלעג דאָס ליד זינגען. די ווערטער (און צום טייל אויך די מעלאָדיע) זענען שוין אַזוי אַנדערש פֿון געבירטיגס מקור, אַז דער פּולענער וואַריאַנט איז ווערט מע זאָל זיך מיט אים באַקענען:

קינדער־יאָרן, מײַנע זיסע בלומען
און צו מיר וועט איר שוין מיין ניט קומען,
קינדער־יאָרן שיינינקע,
פֿײַנע, מלא־חנינקע,
ווי אַ חלום זענט איר מיר פֿאַרלאָפֿן.

איך געדענק דאָס קליינע, קרומע שטיבל
און די ברידער־שוועסטער מיינע ליבע,
און מײַן מאַמעס יעדער שטיפּ [= שטופּ]

איז מיר זייער יעצט צו־ליב,
און דאָס געסל
קען איך נישט פֿאַרגעסן.

יעצט איז שוין נישטאָ דאָס קליינע שטיבל.
יעצט שטייט אַ קוימען אין אַ טיפֿן גריבל
און מײַן האַרץ איז זייער שוין צעבראָכן;
אוי, ווי אַ חלום איז דאָס גיך פֿאַרלאָפֿן.

דאָס צווייטע ליד איז שוין אַפֿנים נאָך מער אַ "לאָקאַלע" שאַפֿונג. עס איז וועגן דעם פֿאַרמלחמהדיקן פּולען, וואו פֿון די 300 ייִדישע משפּחות זענען נאָר אַוועלכע 40, צי 50 ניט געווען קיין ביטערע אָרעמעלייט. און ס'איז ניט קלאָר צי יצחק האָט דאָס ליד אַליין מחבר געווען, צי בלויז אויפֿגעשטעלט אַן אַמאָליק לידל לויטן זכרון. ער אַליין האָט געזאָגט אַז ער האָט עס "אויפֿגעשריבן". נאָר וואָס זשע דען? אַז מע האָט אים געבעטן ער זאָל דאָס אויסזינגען, האָט ער דאָס דווקא פֿאָרגעלייענט. האָט מען אים געבעטן נאָכאַמאָל אָבער דאָס מאָל מיט אַ ניגון, האָט זיין פֿרוי, אידע, וואָס איז בײַגעווען, אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: "ניין, ער האָט עס אַליין צונויפֿגעשטעלט." (צו דעם דאָזיקן אויסדרוק "צונויפֿשטעלן אַ ליד" וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.) יצחק האָט צוגעגעבן: "נו, מע האָט געזונגען אַזוי, אַן ערך. איך האָב דאָס שוין אויסרעדאַגירט." (דאָס לעצטע וואָרט געזאָגט אויף רוסיש: "אָטרעדאַקטיראָוואַל") און גלײַך האָט ער אונדז פֿאָרט אויסגעזונגען אָבער בלויז די ערשטע שורה ווי אַ מוסטער ותו לא. דאָס ליד גייט אַזוי:

מײַן ליבע שוועסטער מאַרעם, [וואַר. פֿון: מרים]
נעם און שפּיל אויף דער גיטאַרע,
זינג מיר אָט די לידער,
ווי עס לעבן ייִדן.

אין אַ שטעטל פּולען
לעבט מען גוט אין חלום –
שיסטערס, שנײַדערס, אַלע
קויפֿן נישט קיין חלה.

באָנדערס, טרײַבערס, באַלעגאָלעס
לעבן זייער שלעכט אין גלות.
קינדער, ווײַבער ווילן עסן
און מע קען דאָס נישט פֿאַרגעסן.

אוי משיח, ליבער מאַגן, [= מגין]
גיי אַרײַן אין אונדזער לאַגע, –
קום־צו־גיין אין אונדזער פּולן שטעטל.
יעדער טאָג מיר וועלן בעטן.

אוי, דאָס לעבן שווער און ביטער,
נאָר אויף שבת עסן גיט מען,
נאָר אויף שבת פֿריילעך איז און ליכטיק,
נאָר אויף יום־טובֿ איז דאָס לעבן ריכטיק.

כאָטש יצחק ניבולסקי קען דווקא גאַנץ פֿײַן זינגען, איז ער אָבער בטבע פֿיל מער אַ דערציילער איידער אַ זינגער. אייגנטלעך ווי אַ לעבעדיקער איבערגעבער פֿון דער מינדלעכער פֿאָלקס־מעשה טראַדיציע איז ער בפֿירוש אַ יחיד־במינו. ס'האָבן זיך אונדז געטראָפֿן עטלעכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי איבערדערציילער פֿון פֿריער אויסגעלייענטע מעשׂיות און אפֿילו ליטעראַרישע דערציילונגען, אָבער ער איז דער איינציקער דירעקטער יורש פֿון דעם אַמאָליקן שטייגער פֿון חסידישן מעשׂה־דערציילן בעל־פּה.

וואָס זשע שייך די, וואָס געדענקען און קענען זינגען לידער, האָט מען זיך געטראָפֿן מיט צענדליקער און צענדליקער אַזעלכע קענער. אַ גרויסער טייל האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ באַגרענעצטן רעפּערטואַר, וועלכער איז ניט זעלטן באַשטאַנען פֿון אַזעלכע פֿאַרזונגענע לידער ווי "טומבאַלײַקע" און "מחותּנעסטע מײַנע". אַנדערע האָבן פֿאָרגעלייגט צו־מאָל פֿראַגמענטאַריש, צו־מאָל גאַנצערהייט עטלעכע ווייניקער באַקאַנטע אָדער שוין גאָר זעלטענע לידער. עס איז דאָ אויך אַזעלכע וואָס זייער זינגען איז אַזוי באַטעמט אַז עס מאַכט גאָרניט אויס טאָמער זענען די לידער שוין מער אָדער ווייניקער באַקאַנטע. אַ געוויסע צאָל פֿון זיי זענען שוין גאָר נאָענט צו דער קאַטעגאָריע פֿון "פֿאָלקסזינגער". אייניקע האָבן זיך אויך געטיילט מיט אונדז מיט אַ ליד אָדער צוויי, וואָס זיי האָבן אַליין "צונויפֿגעשטעלט".




דער טעקסט פֿון יצחק ניבולסקיס דאָס ליד פֿון פּולען, וואָס ער האָט פֿאַרשריבן מיט רוסישע אותיות

וואָס הייסט דאָס "צונויפֿשטעלן אַ ליד"? אין זײַן גלעצנדיקער לעקציע איבער דער ייִדישער פֿאָלקסמוזיק, געהאַלטן אין אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט פֿרילינג 2011, האָט מעישקע אַלפּערט באַמערקט, אַז צווישן די עלטערע זינגער, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַ רײַכן און אַ פֿיל־זשאַנערדיקן רעפּערטואַר, מאַכן זיך צומאָל אַזוינע, וואָס זיי ווערן אַליין שאַפֿער פֿון לידער – סיי פֿון מוזיק, סיי פֿון טעקסטן. אין מעישקע אַלפּערטס דערפֿאַרונג זאָגט ניט קיינער פֿון זיי, אַז אָט האָט ער (צי זי) געשאַפֿן, אָדער מחבר געווען אַ נײַ ליד. מע זאָגט פּשוט: צונויפֿגעשטעלט. אפֿשר איז דאָס אַזוי ווײַל שאַפֿונג פֿון נײַע לידער איז לאָוו דווקא זייער הויפּט־עובדא, און אפֿשר איז דאָס אויך פֿאַרבונדן דערמיט וואָס זיי שאַפֿן עפּעס נײַס אין דער אַלץ אַרומנעמיקער און דעצידירנדיקער סטיכיע פֿונעם ייִדישן ליד און פֿון דער ייִדישער מוזיקאַלער קולטור, עלהיי זיי וואָלטן זײַן ניט גענוי שאַפֿער, נײַערט מיטשאַפֿער. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט זיך ווונדער שיין צעבליט ניט נאָר די אַרטיסטישע, נאָר אויך די שעפֿערישע טעטיקייט פֿון אַרקאַדי גענדלער, אַ געבוירענער אין סאָראָקע אין 1921, הײַנט, אים צו לאַנגע יאָר, לעבט ער אין כאַרקאָוו. איך ווייס ניט צי ער אַליין באַצייכנט זײַן מחברשאַפֿט פֿון נייע ייִדישע לידער ווי אַ "צונויפֿשטעלונג" אָדער ווי אַ "שאַפֿונג", אָבער אַ שאַפֿער איז ער טאַקע בחסד־עליון.

יצחק ניבולסקיס צווייט ליד איז, לויט זײַן פּרוי, "צונויפֿגעשטעלט" געוואָרן טאַקע פֿון אים אַליין, אָדער ווי ער זאָגט דאָס: "[שוין אַליין] אויסרעדאַגירט". זעט אויס אַז ער איז טאַקע אינספּירירט געווען פֿון עפּעס אַ ליד, וואָס האָט זיך אים פֿאַרגעדענקט פֿון זײַנע קינדער־יאָרן אין פּולען און וואָס האָט זיך אַפּנים אָנגעהויבן מיט די שורות: "ליבע שוועסטער מאַרעם, // נעם און שפּיל אויף דער גיטאַרע, // זינג מיר..." ניט אומזיסט האָט ער לשם מוסטער אויסגעזונגען בלויז די ערשטע שורה. עס קאָן אַפֿילו זײַן, אַז געוויסע אַנדערע אויסדרוקן און שטיקלעך פֿראַזעס האָט ער געגומען פֿון יענץ, צי פֿון אַן אַנדער ליד פֿון יענע יאָרן. דאָס לעצטע וואָרט אין דער שורה: "אוי משיח, ליבער מגין"

קלינגט אַ קאַפּעלע צו "למדניש", כאָטש אין גאַנצן אויסשליסן, אַז דאָס וואָרט איז אים באַקאַנט, קאָן מען אויך ניט. אַזוי צי אַזוי, איינס איז קלאָר: דער עצם צונויפּשטעל איז זײַנער.

## בערל צענציפּער – ״אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן״

זומער 2008 אין ניקאָלאַיעוו האָבן מיר פֿאַרשריבן אַן אינטערוויו מיט בערל צענציפּער. אַ געבוירענער אין 1923 אין ניקאָלאַיעווער געגנט, איז ער אויך אַ הייסער ליבהאָבער פון ייִדישע לידער. אַמאָל פֿלעג ער קענען אַ סך מער לידער ווי הײַנט, אָבער נישקשה אויך בעת אונדזער באַגעגעניש האָט ער זיך דערמאָנט אין גאָרניט ווייניק לידער און אַ טייל פֿון זיי אַפֿילו באַוויליקט פֿאַר אונדז אויסצוזינגען. צום סוף האָט ער אונדז מכבד געווען מיט אַזאַ מין ליד, וואָס באַקלאָגט זיך אויף דער ביטערער דאָליע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק:

אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן
און איך וועל אַרויפֿקריכן צו גאָט.
איינע, צוויי ווערטער, אוי, וועל איך ביי אים פֿרעגן:
פֿאַרוואָס די ייִדן האָבן אין ערצעץ ניט קיין אָרט. (צוויי מאָל)

און נאָך וועל איך אים זאָגן:
אַז די ייִדן – פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל בלוט.
ער זאָל באַקלערן און זאָל מאַכן
אַז די ייִדן זאָלן לעבן גוט. (צוויי מאָל)

און נאָך וועל איך בײַ אים בעטן:

אָט־די אַלע, וואָס זיי האָבן די ייִדן ניט ליב,
זאָל ער זיי אַרײַנוואַרפֿן אין גריב! [= גרוב] (צוויי מאָל)

בערל האָט דאָס באַצייכנט טאַקע ווי זײַנס אַן אייגן ליד און עס איז ניטאָ קיין סיבה אים ניט צו טרויען. מע באַדאַרף אָבער ניט זײַן קיין מי־יודע וואָס פֿאַר אַ גרויסער קענער פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד, מע זאָל זיך גלײַך אָנשטויסן, אַז די ערשטע שורות – כּמעט אַ גאַנצע סטראָפֿע (און ווערדליק איך פֿאַרשטיי, ווייניקסטנס צום־טייל אויך די מעלאָדיע) – זענען אויסגעבאָרגט פֿון דעם ניט־ווייניק באַקאַנטן ליד, וואָס איז געווען בשעתּו ברייט פֿאַרשפּרייט און וואָס מע געפֿינט עס אַשטייגער אין משה בערעגאָווסקיס זאַמלונג פֿון 1934:

אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן
און איך וועל אַרויפֿקריכן צו גאָט.
איינע, צוויי ווערטער וועל איך ביי אים פֿרעגן:
פֿאַרוואָס דאַרף זײַן מײַן ליבער אַ סאָלדאָט.



**בערל צענציפּער דערמאָנט זיך אַ יידיש ליד, ניקאָלאַיעוו, זומער 2008**

דער חומר אין בערל צענציפּערס ליד איז גאַנץ "ברייטהאַרציק" אויסגעבאָרגט געוואָרן פֿון דעם פֿיל עלטערן ערבֿ־רעקרוט ליבע־ליד. פֿאָרט ווערט עס ביי בערלען אַנדערש "פֿאַרקנאָטן". אייגנטלעך איז דאָס אַ נײַ "צונויפֿגעשטעלט" ליד פֿאַר זיך. משמעות קאָן מען אַפֿילו רעדן אין אַזאַ פֿאַל וועגן אַ נײַ און אַ יאַקאָס אָריגינעל ליד. בערל האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט די דאָס עלטערע ליד, פון וועלכן ער האָט געצויגן זײַן שעפֿערישע יניקה. נאָך אַ לאַנגן טאָג פֿול מיט אַנדערע אינטערוויוען אין ניקאָלאַיעוו שוין גרייטנדיק זיך אומצוקערן דעם זעלבן אָוונט צוריק קיין אַדעס, איז אויך אונדז,

צום באַדויערן, ניט אויסגעקומען אים אויסצופֿרעגן וועגן דעם. ס'איז נאָך גוט וואָס מ'האָט אויסגעפּועלט ביי אים, ער זאָל דאָס ליד אויסזינגען נאָך אַ מאָל.

ס'איז טשיקאַווע דער טעמאַטישער שינוי און דער חילוק אין פּערספּעקטיוו אין די צוויי לידער. דאָס עלטערע ליד איז אַ ליבע־ליד, אַ דיאַלאָג צווישן די פֿאַרליבטע, וואָס באַהאַנדלט די ביטערע אָנשיקעניש פֿון פּריזיוו, וועלכער פֿאַרשטערט (און קאָן נאָך חלילה צעשטערן) דעם יונגן פּאָרפֿאָלקס גליק, – אַ טיפֿער פּערזענלעכער אומגליק. אין פֿאַרגלײַך דערמיט איז בערל צענציפּערס ליד שוין אַ יחידס אָננעמען זיך די קריוודע פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק. אַ קריוודע, וואָס איז, לפּחות לויט זײַן אײַנזען, נאָך אַלץ אַקטועל און גילטיק.

## לייזער בורשטיין – בענקשאַפֿט און דערמאָנונג

אַן ענטוזיאַסטישער זינגער פֿון מער ווי אַ היפּש ביסל לידער איז לייזער בורשטיין וועלכער איז געוואָרן אַ זשיטאָמירער תושבֿ גלײַך נאָך דעם ווי די שטאָט איז באַפֿרײַט געוואָרן אין 1944. זײַן טאַטע, יואל, איז אויך געווען אַ גרויסער קענער און אַ זינגער. לייזער האָט דאָס אַלץ געירשנט פֿונעם טאַטן, דערבײַ אויך פֿאַרגעדענקט אַנדערע לידער, וואָס מ'פֿלעג זינגען סײַ אינעם פֿאַרמלחמהדיקן און אין אָקופּירטן פּוילן, און סײַ אין די עוואַקואַציע־יאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. לייזער איז געבוירן געוואָרן אין 1929 אין גאָוורעווע (אָסטראָוו־מאַזאָוועצקער קרײַז, פּוילן) און די ערשטע 10 יאָר, ביז דער "צעטיילונג" פֿון פּוילן אין 1939, האָט ער זיך אויפֿגעכאָוועט אין זײַן געבורט־שטעטל.

מיר האָבן געגומען פֿאַרשרײַבן לייזערן שוין בעת דער ערשטער עקספּעדיציע אין 2002. זינט דעמאָלט ביז 2011, האָבן מיר זיך אומגעקערט צו אים ניט ווייניקער ווי זעקס מאָל. ער אַליין איז גוט באַקאַנט אין דער הײַנטיקער זשיטאָמירער ייִדישער קהילה און מסתמא אויך אויסער זשיטאָמיר. ערגעצווו איז אויגסעקומען צו זען אויפֿן יו־טיוב עמיצנס אַ ווידעאָ־רעקאָרדירונג פֿון אים זינגען אַ ליד. אין 2008 איז אין זשיטאָמיר אַרויס אַ באַזונדערע זאַמלונג – אַן אָפּקלײַב פֿון 15 לידער פֿון לייזער בורשטיינס רײַכן רעפּערטואַר. די לידער, צוזאַמען מיט די נאָטן, האָט פֿאַרשריבן און אַרויסגעגעבן אין ייִדיש און אין דער רוסישער איבערזעצונג מאַרגאַריטאַ מאָיִסעיעוואַ, אַ דאָצענטין פֿונעם זשיטאָמירער מלוכהשן אוניווערסיטעט.




**די הילע פון מאָיִסעיוואַ'ס זאַמלונג פֿון פֿופֿצן לידער פֿון אַבֿרהם בורשטיינס רעפּערטואַר**

יוני 2007, שוין בעת אונדזער דריטן באַזוך בײַ אים, האָט ער, ווי דער שטייגער איז, אויסגעזונגען אַ שיינע פּאָר לידער. נאָכן אויסזינגען אַ גאַנץ לאַנג ליד, האָט דער שרײַבער און פֿאָרשער, משה לעמסטער, באַוווּנדערט לייזערס גוואַלדיקן זכּרון. דערויף האָט לייזער געזאָגט: "די לידער פֿאַרגעסן זיך נישט." און גלײַך צוגעגעבן: "בײַ מיר זענען דאָ לידער וואָס איך האָב אַליין אויך צונויפֿגעשטעלט." דאָ אַחוץ דעם "צונויפֿגעשטעלט" איז כּדאַי אויך צו באַמערקן זײַן זאָגן "בײַ מיר". בײַ אים – דאָס הייסט אין זײַן פּריוואַטער שאַצקאַמער פֿון לידער, ווהין, אַגב, עס גייען אַרײַן אויך לידער אויף פּויליש, רוסיש, העברעיִש און ניגונים אָן ווערטער. אָט דער אוצר זײַנער, מיט וועלכן ער איז תּמיד גליקלעך זיך צו טיילן מיט אַנדערע, געפֿינט זיך אין... זײַן לעבעדיקן זכּרון.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו בורשטיינס לידער וועלכע ער האָט אַליין "צונויפֿגעשטעלט". דאָס ערשטע האָט ער געשאַפֿן אָנהייב 1990ער ווען מ'האָט אויפֿגעלעבט דאָס קהילה לעבן (לויט איין מקור האָט זיך די אָרגאַניזירטע טעטיקייט פֿון דער זשיטאָמירער ייִדישער קהילה אָנגעהויבן אין 1992), דעמאָלט ווען ער האָט, ווי ער האָט עס געזאָגט: "אָנגעהויבן צו גיין אין שיל, אַהערצו" – אַלע אונדזערע אינטערוויוען מיט לייזערן זענען פֿאָרגעקומען אין דער זשיטאָמירער שיל, געוויינטלעך נאָכן שחרית־דאַוונען. ס'איז אַ רירנדיק ליד, וווּ אַ טייל ווערט געזונגען ווי אַ ניגון אויסדריקנדיק וואָקאַליש אָן ווערטער די טיפֿע בענקשאַפֿט נאָכן אַמאָליקן שטעטל.

**גאָווערעווע**

ווי פֿל וועגן בין איך אויסגעפֿאָרן,
אין ווי פֿל ערטער בין איך געווען,
אַ סך זענען אַדערכגעלאָפֿן יאָרן
און איך האָב קיינעם ניט געזען –

פֿון שטעטל גאָווערעווע. (צוויי מאָל)

דאָרט וואו מײַן קינדהייט איז דערכגעלאָפֿן,
פֿון די געשע'נישן איז שוין אַלץ ווײַט,
די מלחמה האָט מיך דאָרטן געטראָפֿן
מיט די עלטערן האָב איך זיך צעשיידט –

אין שטעטל גאָווערעווע. (צוויי מאָל)

פֿאַרלאָזן די קברים פֿון די געפֿאַלענע קדושים
און ווידער דאָס נײַע לעבן בליט
און ווידער מענטשן אײַלן און רוישן.
מע דערמאַנט דאָס ליד –

דאָס שטעטל גאָווערעווע. (צוויי מאָל)

געוויינטלעך, לידער פֿון דעם מין, לפּחות די אַם מערסטן באַקאַנטע פֿון זיי, זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע מחברים שוין מעבֿר־לים, אַשטייגער "מײַן שטעטעלע בעלץ", אָדער "ווילנע, ווילנע, אונדזער היימשטאָט" און זיי האָבן זייער גיך, אויף די פֿליגל פֿון זייער פּאָפּולערקייט, "זיך אומגעקערט" צו די תּושבים פֿון יענע שטעט צו וועלכע זייערע מחברים האָבן אויסגעניגונט זייער בענקשאַפֿט אין וואָרט און קלאַנג נאָך אין די 1930ער יאָרן. ביז הײַנט זינגען ייִדן אין בעלץ דאָס באַקאַנטע ליד וועגן זייער "שטעטעלע בעלץ" און אויך ייִדן אין הײַנטיקער ווילנע זינגען וועגן זייער שטאָט "פֿון גײַסט און תּמימות". און ס'איז געווען אויך אַנדערע, הײַנט שוין ווייניקער באַקאַנטע לידער, ווי אַשטייגער "סלוצק, אוי סלוצק, מײַן שטעטעלע, ווי איך בענק נאָך דיר" אָדער "מײַן שטעטחע באַראַנאָוויטש" א.א.וו. אויך פֿון די 1930ער. דאַקעגן זשע לייזער בורשטיינס ליד איז שטאַרק אַנדערש, ווײַל ערשטנס, איז דאָס געשאַפֿן געוואָרן אין מזרח, אין דער שוין פֿון לאַנג פֿאַרסאָוועטיזירטער אוקראַינע, טאַקע בײַם אָנהייב פֿון דער "נאָך אַלעמען"־תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿונעם ייִדיש־רעדנדיקן פֿאָלק אין אוקראַינע. און צווייטנס איז דאָס אַ דערשיטערנדיק טראַגיש ליד, ווײַל ווען לייזער בורשטיין האָט דאָס געשאַפֿן איז שוין פֿון לאַנג אָן, פֿון אַן ערך 1942, מער ניט פֿאַרבליבן אין גאָווערעווע קיין איין לעבעדיקער נפֿש צו



**לייזער בורשטיין אין דער זשיטאָמירער שיל, יאַנואַר 2009**

ווען מען אָט־דאָס נאָסטאַלגיש ליד וואָלט געקערט זיך "אומקערן". אַחוץ געציילטע יחידים, ווי לייזער בורשטיינס משפּחה, זענען אַלע ייִדן פֿון גאָוורעווע דערמאָרדעט געוואָרן.

נאָכן אויסזינגען דאָס ליד וועגן גאָורעווע, זאָגט לייזער: "עטאָ יאַ סאַם סאָטשיניל" (טײַטש: "דאָס האָב איך אַליין מחבר געווען"). פֿרעגט אים משה לעמסטער: "אי די ווערטער, אי די מוזיק?" ענטפֿערט לייזער: "יאָ, איך האָב אַליין צונויפֿגעשטעלט. ס'איז נאָך דאָ [אַזוינע], וואָס איך האָב אַליין צונויפֿגעשטעלט. אָט האָב איך צונויפֿגעשטעלט אַ ליד פֿון 39סטן יאָר:"

**דער זומער איז אַוועק**

דער זומער איז אַוועק,
ס'איז שוין אַזוי ווײַט.
און אין מײַן געדאַנק
געבליבן יענע צײַט, –

געבליבן יענע צײַט...

פֿעלדער פֿול און גרין
און ביימער פֿלעגן בליִען
און דווקא גאָר אַהין
פֿלעג מײַן האַרץ מיר ציִען –

צו מײַנע היים, צו מײַנע היים...

דאָרט איז געווען מײַן היים
און מײַנע טריט די ערשטע
און דאָס, וואָס איז געשען,
אין לעבן דאָס באַשערטע... –

אין מײַנע היים, אין מײַנע היים...

פֿיל יאָרן געוואַרט, געהאָפֿט,
אַז וועט קומען די גאולה
און די שונאים סוף־כּל־סוף
וועלן באַקומען די מפּלה,

און אונדזער פֿאָלק
וועט לעבן רויִק
און שטאָלץ.

דער זומער איז אַוועק,
ס'איז שוין אַזוי ווײַט.
און אין מײַן געדאַנק
געבליבן יענע צײַט, –

געבליבן יענע צײַט...

אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט פֿונעם ליד איז אַ וואָקאַלישער טייל אָן ווערטער, וואָס איז דורכגעוויקט מיט בענקשאַפֿט, און וואָס פֿאַנעמט אַ באַזונדער אָרט צום סוף, אָדער נאָענט צום סוף פֿונעם אויסגעזונגענעם טעקסט. אַ

ביסל שפּעטער, אויסזינגענדיק דאָס זעלביקע ליד צום צווייטן מאָל, גיט לייזער צו צום ליד די פֿאָלגנדיקע צוויי שלאָס־סטראָפֿעס:

מײַן אַלטע היים,
איך בענק נאָך דיר
מײַן אַלטע היים,
אוי, ס'פֿעלט [אין] מיר.

זי לעבט אין מײַן זכרון
און די קינדערישע יאָרן
מײַן אַלטע היים,
איך בענק נאָך דיר...

דערנאָך זאָגט לייזער: "דאָס לעצטע ליד, "דער זומער איז אַוועק", אַז איך האָב [עס] געמאַכט, האָב איך געוויינט. כ'האָב אָנגעהויבן וויינען. אַז איך האָב זיך דערמאַנט אין 39סטן יאָר, איז בײַ מיר די ווערטער, דער ניגון אַליין געקראָכן אין קאָפּ אַרײַן." און אויף לעמסטערס פֿראַגע "אין וועלכן יאָר?" ענטפֿערט ער: "פֿאַראַיאָרן, אַז איך האָב זיך דערמאַנט אין 39סטן יאָר."

קלאָר אַז די נאַטור אימאַזשן אין דער צווייטער סטראָפֿע פֿון דעם ליד באַציִען זיך צו די ערשטע טעג פֿון סעפּטעמבער, אָנהייב האַרבסט 1939, ווען די דײַטשישע חיילות – אַנדערטהאַלבן מיליאָן זעלנער – האָבן פֿאַרכאַפּט דעם מערב טייל פֿון פּוילן. פֿאַרן פּוילישן ייִדנטום איז דאָס געווען דער בליציקער, ביטערער אָנהייב פֿונעם וויסטן סוף. 68 יאָר שפּעטער האָט דער ייִדישער פֿאָלקסזינגער פֿון פּוילן, אַן אוד־מוצל־מאש, דערמאָנט זיך מיט געוויין אין יענער תקופֿה, ווען די שרעקלעכע צײַט האָט זיך אַרײַנגעריסן און אַלץ צעשמעטערט... זיך דערמאָנט און אויסגעזונגען זײַן טיפֿן צער און בענקשאַפֿט.

## יאָסל קאָגאַן – צוויי לידער פֿון בערשאַדער געטאָ

יאָסל קאָגאַן (1927-2011) איז געווען דער סאַמע ערשטער לידער־מחבר, וואָס האָט אונדז פֿאָרגעלייענט און דער עיקר אויסגעזונגען זײַנע אייגענע לידער, נאָך בעת אונדזער ערשטער עקספּעדיציע אין 2002. אַ געבוירענער אין בערשאַד איז ער דאָרט אויפֿגעוואַקסן און איבערגעלעבט די גרויליקע געטאָ־צײַט. כּמעט גלײַך ווי די רויטע אַרמיי האָט באַפֿרײַט בערשאַד אין 1944, איז ער אַוועק אין דער אַרמיי אײַננעמען בערלין ווו ער האָט איבעגעלאָזט זײַן חתימה אויף די ווענט פֿון דעם האַלב־צעטראַסקעטן רייכסטאַג. אַ קינד פֿון 15 יאָר האָט ער אין בערשאַדער געטאָ מחבר געווען עטלעכע לידער. איינס אַ קורצינקס, נאָך איינס – אַ ליד צום רעצעטירן, וואָס קאָן אויך זיך אָנהייבן מיט יענץ, ערשט דערמאָנטס, קורצינקס ליד, און וואָס ניצט אויס עטלעכע שורות פֿון אַן אַנדער באַקאַנט ליד, וואָס די בעסאַראַבער ייִדן, מערדעריש־אַכזריותדיק פֿאַרטריבענע קיין "טראַנסניסטריע" (אַ טייל קיין בערשאַד), פֿלעגן זינגען. דאָס דאָזיקע ליד, "צעברעכט זיך" און ווערט מגולגל אין אַ רעטשעטאַטיוו אין פֿרײַען ריטעם. דאָ וועלן מיר זיך אָבער באַשעפֿטיקן מיט זײַנע אַנדערע צוויי לידער.

עס איז גוט באַקאַנט, אַז טעקסטן און מעלאָדיעס פֿון פֿאָלקסלידער (און בכלל לידער געזונגענע פֿון פֿאָלק) קערן זיך בײַטן. מער־ווייניקער דער זעלבער טעקסט קאָן געזונגען ווערן מיט פֿאַרשידענע מעלאָדיעס, און פֿאַרקערט אַ פֿאָלקסזינגער קאָן נעמען אַ מעלאָדיע פֿון אַ באַקאַנט ליד און שאַפֿן אויף איר, אָדער צופּאַסן צו איר אַן אַנדער טעקסט. בפֿרט אין די חורבן יאָרן זענען שיער ניט אַלע נײַע לידער געבויט אויף פֿאַרשידענע פּאָפּולערע יידישע אָדער רוסישע מעלאָדיעס. ס'איז געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן בולט און בכּיוון איבערגעאַנדערשט פֿאַרמלחמהדיקע לידער. "ניט

קיין ראָזשינקעס און ניט קיין מאַנדלען" האָט ישעיהו שפּיגל געשאַפֿן אין לאָדזשער געטאָ ווי אַ ביטערן ענטפֿער אויף דעם באַליבטן ליד, וועלכן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדן האָט געמאַכט אַפֿילו נאָך מער פּאָפּולער אײַנפֿלעכטנדיק עס אין זײַן "שולמית" נאָך אין 1886.

אַ מין "ביטערן ענטפֿער", אָדער "גרויליקן קאָנטראַסט" קען מען געפֿינען אויך אין קאָגאַנס ליד "אַז מע פֿאָרט קיין באַלאָניוּוקע..." ער האָט דאָס ליד געמאַכט', ווי ער האָט אונדז אַליין שפּעטער דערציילט, "אויפֿן מאָטיף", דאָס הייסט לויט דער מעלאָדיע און דעם מוסטער פֿון "דזשאַנקויע", וואָס איז כּידוע איינע פֿון די מונטערסטע און האָפֿערדיקסטע סאָוועטישע ייִדישע לידער (און וואָס מ'ווייסט ניט ווער עס האָט דאָס געשאפֿן, אָט־דאָס אין תּוך פּראָפּאַגאַנדיסטיש ליד). פֿאַרשטייט זיך, אַז אין קאָגאַנס ליד ווערן די טאָנאַליטעט און דער טעמפּאָ געביטן אין אַ פֿאַרחושכט און קלאָגעדיק געזאַנג. צוזאַמען מיטן טעקסט איז דאָס אַ שטאַרק גרויליק און כּמעט אויסזיכטלאָז ליד פֿון יענע גיהנום־יאָרן.

**אַז מען פֿאָרט קיין באַלאָניוּוקע**

אַז מע פֿאָרט קיין באַלאָניוּוקע,
איז ניט ווײַט פֿון אָבאָדיוּוקע –
בערשאַד –
דאָרטן איז אַ לאַגערל פֿאַראַן.
ייִדן ליגן אָפּ מעת־לעתן,
ניט געטרונקען און ניט געגעסן;
גיטלער – מערדער – זאָגט:
אַזוי דאַרף זײַן!

אוי וויי צרות, צרות,
טויגן ייִדן אויף כּפּרות,
האָפּט מען אויף דעם מזלדיקן טאָג...

אין אַ ווינקל כראָפּעט דבֿורה,
ר' גדליה האַלט די תּורה
און בעט גאָט ער זאָל שוין טון דעם נס.

אוי וויי צרות, צרות,
טויגן ייִדן אויף כּפּרות,
האָפּט מען אויף דעם מזלדיקן טאָג...

אַבֿרהם־איטשע פֿאָרט אויף דעם וואָגן,
עס איז אַ חרפּה אים צו זאָגן.
ער מאַכט שוין סכאַקל שוין דעם זעקסטן טור – [= סך־הכּל]
די אָבשטשינע האָט אים געהייסן [אָבשטשינע: קהילה]
אים פֿאַרנעמען אַלע מתים.
גרויען אים פֿאַר ווייטיק אַזש די האָר.

אוי ווײ צרות,
טויגן ייִדן אויף כּפּרות,
האָפּט מען אויף דעם מזלדיקן טאָג...

אינעם שטעטל – בערשאַד – דער בית־עולם
פּרינימאַיעט יענעם עולם! [פּרינימאַיעט: נעמט אויף]
גריבער שטײַגן פּשוט ניט פֿאַרשיט.
עס ליגן ייִדן און זיי פֿוילן –
אַזש דאָס האַרץ הייבט אָן צו גרוילן!
אַך פֿאַרוואָס דאַרף אָפּקומען דער ייִד?

אוי ווײ צרות,
טויגן ייִדן אויף כּפּרות,
האָפּט מען אויף דעם מזלדיקן טאָג...

עס לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ פֿאַרהעלטענישמעסיק באַקאַנט ליד פֿון יענער געגנט סײַ בעת, סײַ גלײַך נאָך דער מלחמה. אונדז איז אויסגעקומען צו געפֿינען דאָס אָפּגעדרוקט אָדער פֿאַרשריבן עטלעכע מאָל פֿון אַנדערע. איין וואַריאַנט ווערט בכלל געזונגען מיט גאָר אַן אַנדער ניגון. און נאָכן פֿאַרגלײַכן זיי אַלע, זעט מיר אויס, אַז קאָגאַנס נוסח איז דער שלימותדיקסטער. דאָס ליד האָט אויך געזאָלט אַרײַן אין דעם זאַמל־בוך "ייִדישע פֿאָלקסשאַפֿונג אין די טעג פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה" צונויפֿגעשטעלט פֿון משה בערעגאָווסקי און ראובֿן לערנער. יענע זאַמלונג האָט געזאָלט אַרויס 1949, אָבער איר איז ניט באַשערט געווען צו דערזען די ליכטיקע שײַן, ווײַל די פֿינצטערע יאָרן פֿונעם סאָוועטישן ייִדנטום (סוף 1940ער – ערשטע העלפֿט 1950ער) האָט זיך אָנגעהויבן האַרבסט 1948. אַלץ וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון יענער זאַמלונג איז דער כּתבֿ־יד וואָס בערעגאָווסקי און לערנער האָבן אין אַ גרויסער מאָס צוצוגרייט (אָבער אַפּנים ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקט זײַן רעדאַקטור).


יאָסל קאָגאַן ע"ה
טולטשין, ווינטער 2009

בעת קאָגאַן פֿלעג דאָס ליד אויסזינגען און איין אָדער צוויי מאָל פֿאָרלייענען, האָט ער פֿון צײַט צו צײַט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס ליד איז וועגן בערשאַדער געטאָ, ווײַל זינט דער צעפֿאַלונג פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט ער גענומען אַרויסטרעטן זינגנדיק דאָס און אַנדערע לידער פֿאַר טולטשינער ייִדן, וואָס האָבן בנס איבערגעלעבט דעם שוידערלעכן פּעטשאָראַ לאַגער, ווו עס זענען אמגעקומען שווערע טויזנטער ייִדן פֿון דער געגנט, די טולטשינערס אַלע נאָענטע און אייגענע. האָט ער געמוזט באַמערקן און אונטערשטרײַכן, אַז כאָטש ער זינגט עס פֿאַר זיי אויף זייער הזכּרה נאָך די קדושים פֿון פּעטשאָראַ, איז דאָס דאָזיקע ליד זײַנס פֿון און וועגן בערשאַד.

ס'איז ניט קלאָר צי דאָס איז די סיבה פֿאַרוואָס עס באַווײַזט זיך דער שטאָטס נאָמען אין דער עשרטער סטראָפֿע. טאָמער ניט, איז דאָס נאָך אַ שטריך פֿון דעם בלוטיקן קאָנטראַסט צווישן דעם פֿריילעכן דזשאַנקויע און דעם פֿאַרוויסטן בערשאַד. יאָסל קאָגאַן האָט אויך דערקלערט, אַז די נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אינעם ליד – דבֿורה, איר מאַן גדליה דער שוחט און דער בעל־עגלה אַבֿרהם־איטשע – זענען געווען ווירקלעכע בערשאַדער. ווידעראַמאָל אַ בולטע איבערקרימונג פֿון די פּריוואַטע נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין "דזשאַנקויע": "אַבראַשע" וואָס דער

טראַקטאָר גייט בײַ אים ווי אַ באַן, און די "מומע לאה בײַ דער קאָסילקע" מיט "ביילע בײַ דער מאָלאָטילקע", צי זיי זענען געווען אמתע, צי צוגעקלערטע פֿאַרשוינען.

אינעם ליד "דזשאַנקויע" גראַמט זיך דער פֿאַמיליאַרער נאָמען "אַבראַשע" מיט דער שורה "פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא" – אַ קלאָרע אַלוזיע צו דעם גוט באַקאַנטן זינגליד, וואָס מאַכט נאָך דעם לערנערס מעלאָדישן שקלאַ־וטריא שטייגער בײַם גמרא־לערנען, ווי אויך אויף אַבֿרהם רייזענס אַ פּאָפּולער ליד "די אַלטע קשיא", וואָס הייבט זיך אָן: "פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא; // וואָס איז פֿאָרט דער זין פֿון לעבן?" אינעם פֿאַרמלחמהדיקן סאָוועטישן ליד איז דער "אַבראַשע מיטן טראַקטאָר" אויך אַ מין "פּראָדוקטיוו וועלטלעכער" ענטפֿער אויף דעם באַקאַנטן מאָמענט אין דער געשיכטע פֿון עקידת יצחק: "ויקרא אליו מלאך ה', מן־השמיים, ויאמר, אברהם אברהם; ויאמר, הנני." (בראשית, כ"ב: י"א). ניט אַרײַנלאָזנדיק אין די פֿילדײַטנדיקע צווישנשײַכותן פון "גאָט" און "וועלט" – צי אין רעליגיעזן געדאַנק, צי אין דעם פֿאָלקס אופֿפֿאַסונג (פֿאַרגלײַכט אַשטייגער דעם בערדיטשעווער רבינס "דודעלע" מיטן פֿאָלקס־ווערטל "גאָט לעבט ניט אין וואַלד"), איז כּדאַי פֿונדעסטוועגן צו באַמערקן, אַז אין יאָסל קאָגאַנס ליד ווערן דווקא ניט אויסגעדריקט קיין שום דירעקטע טענות צום ריבונו־של־עולם; מערניט – "ר' גדליה אָלט די תּורה // און בייט גאָט ער זאָל שוין טין דעם נס."

עמיצער קאָן אַרויסרוקן די טענה, אַז קאָגאַנס מחברשאַפֿט פון דעם ליד איז מוטל־בספֿק. עס איז געווען ווייניקסטנס נאָך איין מענטש, וועלכער האָט געטענהט, אַז ער איז דער בעל־מחבר פֿון דעם ליד. איך בין נוטה צו גלייבן קאָגאַנען. אַזוי צי אַזוי, האָט יאָסל קאָגאַן זיך באַצויגן צו דעם ענין ווי אַן אמתער פֿאָלקסזינגער. גאָרניט פֿאַראינטערעסירט אין קיין שום אַנערקענונג אָדער כּבֿוד, שוין אָפּגערעדט פֿון באַלוינונג, פֿאַר זײַן מחברשאַפֿט, האָט ער באַנומען זײַנע אייגענע לידער ווי אַ טייל פֿון זײַן אַלגעמיינעם רעפּערטואַר, אין וועלכן עס זענען אַרײַן שטיקלעך פּראָזע און פּאָעזיע צום דעקלאַמירן און לידער צום זינגען אויף ייִדיש און אויף רוסיש און מערסטנס פֿון באַקאַנטע מחברים, ווען ער פֿלעג תּמיד אָפּגעבן קרעדיט. די אַלע לידער זענען געווען פֿאַרשריבן בײַ אים אין אַ גאַנץ דיקער העפֿט. און די ערשטע צוויי מאָל, ווען ער האָט דאָס בערשאַדער ליד זײַנס געזונגען און פֿאָרגעלייענט פֿון אויסנווייניק איז די פֿאַר־לעצטע שורה פֿון דער ערשטער סטראָפֿע געווען: "גיטלער – ממזר – זאָגט"...

בשעת ווען דאָס פֿריִערדיקע ליד איז אַן אָריגינעלער קעגנענטפֿער אויף "דזשאַנקויע", אָנגעשריבן פֿון דער רעאַלער געטאָ־ווירקלעכקייט, איז יאָסל קאָגאַנס צווייטע שאַפֿונג אַן אויסגעצייכנטער מוסטער פֿון אַ פּאַסיק צונויפֿגעשטעלט נײַ ליד.

**אַהיים, ברידערלעך, אַהיים!**

אָ־אָי, – נעם פֿאַרזעץ דאָס לעצטע העמד
אַבי ניט זײַן דאָ אין דער פֿרעמד!
אַהיים, ברידערלעך, אַהיים!
מיט דײַן נאָמען יעדער שעמט זיך – ייִד,
מיט דײַן נאָמען יעדער קרימט זיך – ייִד,
און אויף דער וועלט ביסטו גאָר נע־ונד!
אַהיים, ברידערלעך, אַהיים!

דײַן מקום, דײַן מנוחה,
דײַן אייגענע מלוכה –
ווו דו האָסט, ישראליקל, פֿאַרבראַכט...

מיט דײַן נאָמען יעדער שעמט זיך – ייִד,

מיט דײַן נאָמען יעדער קרימט זיך – ייִד,
און אויף דער וועלט ביסטו גאָר נע־ונד!

אַהיים, ברידערלעך, אַהיים!

עס וועט קומען נאָך אַ צײַט:
ווען אַלע ייִדן וועלן זיין באַפֿרײַט!
און דעמלט וועלן מיר זינגען אַ נײַע ליד:
אויף דער פֿאָן – דער מגן־דוד
און ייִדן וועלן האָבן כּבֿוד –
מיט דעם נאָמען – פֿינטעלע ייִד!

ס'איז ניט שווער דאָ צו דערקענען, אַז די ערשטע שורה און איר איבערחזרונג איז ווי דירעקט אַרויסגענומען פֿון דעם רעפֿריין פֿון דעם באַקאַנטן ליד "אַהיים!" וואָס יאָסעלע ראָזענבלאַט, מרדכי הערשמאַן און אַנדערע זינגער און חזנים האָבן גערן פֿאַרשריבן אויף פּליטן. עס שטאַמט משמעות פֿון אַ ליד "קום, ישראליק, אַהיים", וואָס דוד מאיראָוויטש האָט פֿאַרפֿאַסט פֿאַר יעקבֿ אַדלערס טעאַטער אויף דער צווייטער עווניו אין 1918. שפּעטער איז דאָס, אַפּנים נאָך פֿון מאיראָוויטשן אַליין, אַביסל איבערגעאַרבעט געוואָרן אין 1922. דעם מעגלעכן דירעקטן מקור פֿון אַ סך ווערטער און אויסדרוקן אין קאָגאַנס ליד קאָן מען אויסזוכן אין שפּעטערע גילגולים פֿון מאיראָוויטשעס ליד, און די אונטערשטע שורה – דאָס "פֿינטעלע ייִד" – שטאַמט אַוודאַי פֿון לויִס גילראָדס און אַרנאָלד פּערלמוטערס ליד ווי אויך פֿון דער באַקאַנטער פּיעסע אויפֿגעפֿירט בײַ באָריס טאָמאַשעווסקי נאָך אין 1909, – ביידע הייסן "דאָס פּינטעלע ייִד".

דער מאָטיוו, די טענה, אַז רק קומענדיק אַהיים, קיין ארץ־ישׂראל, וועט דער ייִד מער ניט זײַן פֿאַראַכט און אונטערדריקט, הערט מען אין אַן אַנדער אַמעריקאַנער ציוניסטיש ליד פון 1915 – אין "צוריק קיין ציון" פֿון לויִס מיללער און יוסף רומשינסקי. אָבער בשעת ווען קאָגאַן האָט אַזוי קונציק צונויפֿגעשטעלט שטיקלעך און ברעקלעך פֿון אַלע אָקערשט דערמאָנטע לידער, האָט ער דעם ווייטאָג איבער דער אומגעהײַער טיפֿער דערנידערונג און פּײַניקונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק געשפּירט און אויסגעדרוקט דירעקט פֿון דער פֿינצטערער טאָג־טעגלעכקייט אין דעם בערשאַדער געטאָ. און אַפֿילו ווען מע וואָלט שוין יאָ געפֿונען אויך פֿאַר די שורות ("מיט דײַן נאָמען יעדער שעמט זיך // מיט דײַן נאָמען יעדער קרימט זיך") אַ מעגלעכן "ליטעראַרישן" מקור אין אַנדערע עלטערע פּאָפּולערע לידער, וואָלטן מיר נאָך אַלץ געהאַט אַ פּרעכטיקן מוסטער פֿון דעם ווי־אַזוי אַ דורכויס צונויפֿגעשטעלט ליד קאָן אייגנטלעך פֿאַררעכנט ווערן ווי אָריגענעלע – און אין דעם פֿאַל טיף דורכגעליטענע – שאַפֿונג.

לסוף, אַ קליינע הערה: יאָסל קאָגאַנס לידער ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט און גאָר פֿײַן אַנאַליזירט אין דעם נײַעם, נאָר־וואָס דערשינענעם, בוך פֿון מײַן טײַערן פֿרײַנד און לאַנגיעריקן קאָלעגע יוסף (דזשעפֿרי) ווײַדלינגער, אַ בוך וואָס איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון די מאַטעריאַלן פֿון אונדזער בשותּפֿותדיקן "אַהיים"־פּראָיעקט: Jeffrey Veidlinger, *In the Shadow of the Shtetl*: *Small-Town Jewish Life in Soviet Ukraine*, Indiana University Press, 2013.

— — —

סך־הכּל האָבן מיר זיך דאָ באַקענט בלויז מיט געציילטע לידער, וואָס פֿיר זייער פֿאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן – אין זשיטאָמיר, ניקאָלאַיעוו און בערשאַד – האָבן געשאַפֿן, צי שעפֿעריש צונויפֿגעשטעלט אין גײַסט פֿון פּאָפּולערן ייִדישן ליד. יאָסל קאָגאַן האָט געשאַפֿן זײַנע לידער נאָך זײַענדיק אַ פֿופֿצן־יעריק בחורל אין בערשאַדער געטאָ. לייזער בורשטיין, וועלכער האָט פֿון זײַנע פּוילישע קינדעריאָרן און זײַן ווײַטערדיקן נע־ונד אויפֿגעהיט אין זײַן לעבעדיקן זכּרון אַן אוצר מיט לידער, האָט אויף דער עלטער גענומען צונויפֿשטעלן זײַנע אייגענע לידער. בערל צענציפּער, אויך

ניט קיין קליינער קענער פֿון ייִדישע לידער, האָט אויך געשאַפֿן זײַנס אַן אייגן ליד. און לסוף יצחק ניבולסקי, וועלכער קאָן אַליין גאַנץ נישקשה זינגען. נאָר בטבֿע מער אַ דערציילער ווי אַ זינגער, האָט ער זיך באַמיט אויפֿצושטעלן לויטן זיכּרון אַ ליד פֿון זײַן היימשטעטל פּולען. מערניט עס זעט אויס, אַז צום סוף האָט ער גיכער פֿון אַלץ צונויפֿגעשטעלט אַן אייגן ליד.

דאָס זענען ניט מער ווי געציילטע שפּורן פֿון פֿאָלקסשאַפֿן, וואָס אונדזער עטנאָגראַפֿישן פּראָיעקט האָט אָפּגעגליקט זיך מיט זיי צו באַקענען. שפּורן פֿון וועלכע מע קאָן זיך אפֿשר נאָך אַלץ עפּעס אָפּלערנען מכּוח דער אַמאָליקער געבענטשטער שעפֿערישקייט פֿון ניט ווייניק געפּלאָגטן, געליטענעם און דאָך זינגענדיקן פֿאָלקסמענטש, וועלכער האָט אַמאָל אַזוי לעבעדיק באַפֿרוכפּערט און שעפֿעריש באַרײַכערט דעם ייִדישן פֿאָלקס לידער און דעם ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג.



**פֿון רעכטס: יאָסל קאָגאַן און ריטאַ שווייביש—די פֿאַרוואַלערין פון דער יידישער קהילה אין טולטשין**
**פון לינקס: דער מחבר און ד"ר משה לעמסטער**
**טולטשין, מאַי 2007**